זיך ערגיץ לאָזען אין אזא שרעקליכער פינסטערער נאַכט. און דערצו איז ער געוועזען נאָך זעהר שוואַך און איז נאָך אין שטאַנד ניט געוועזען צו פליהען, אפילו מאַכען מיט די פליגלען. און אזוי איז ער געלעגען אין דער בלאָטע הונגעריג, שוואַך און פערפרוירען, און דער רעגען האָט אַלץ אויף איהם געגאָסען, געגאָסען אָהן איין עק.

דאָ האָט ער זיך דערמאָהנט אָן זיין נעסט, איינגעבאַקען, אַרימליך, אָבער ווי וואויל, ווי וואַרם און טרוקען. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן זיין מוטער, ווי זי האָט איהם געגלעט מיט דעם שנאָבעל און בעדעקט מיט איהרע ברייטע פליגלען באַלד אַז עס איז געוועזען פייכט אָדער קאַלט אין דרויסען, ווי זיס, ווי וואויל האָט ער זיך געפיהלט נאָהענט נעבען איהר וואַרם לייב. אָט שטעהט פאַר איהם דער פאָטער, ער האָט זיך נור וואָס אומגעקעהרט מיט עסען און קוקט מיט אַזא וואַרימער פרייד און ליעבשאַפט אויף די מוטער און אויף די קינדערליך, און זיינע אויגען שיינט אַזוי פיעל גליק, וואָס ער האָט מיט וואָס זאַט אַנצוהאָדעווען זיינע ליעבע. וואָס וואָלט ער איצט ניט אַוועקגעגעבען, ער זאָל ווייטער זיין צווישען זיי. אָבער פערפאַלען, פערשפיעלט זיין לעבען. צוריק קען ער שוין זיך ניט אומקעהרען. דער פאָטער וועט אויף געוויס איהם ניט וועלען לאָזען אויף די אויגען.

היינט די שקצים. די שקצים, אמת, ער איז זיי שוין נמאס געוואָרען. נאָך אַ פאָר טאָג וועט זיי שוין געוויס עקלען פון איהם. נאָר פונדעסטוועגען וועלען זיי איהם בודאי דערהרג'גען, אַז ער וועט וועלען אומקעהרען זיך אין זיין נעסט. אַ שרעק איז איהם אָנגעפאַלען פון דעם ביטערען געדאַנק, אַז ער דאַרף דאָ בלייבען אויף אייביג. עס האָט שוין אָבער נאָר ניט געהאָלפען. שפּעטער אַז ער איז אונטערגעוואַקסען, האָט מען איהם אונטערגעהאַקט די פליגלען, איהם אויף תמיד צו בעוואָרענען, ער זאָל ניט אַוועקפליהען צו די עלטערן. אַזוי האָט דער אומגליקליכער איבערטרעטער געענדיגט זיין לעבען אין דער אַלטער שטאַל, פערלאָזט און פערגעסען פון אַלעמען. אויף יעם אָנהויב ווינטער אַז עס האָבען זיך אָנגעהויבען די פרעסט, איז ער אומגעקומען פון קעלט און פון הונגער, און קיינער האָט אפילו ניט געוואוסט.

(פאָרטזעצונג קומט). בן־עמי.

א תשובה דעם הערן „שלום עליכם“.

געעהרטער הערר!

אים נ׳ 24 .דער יוד“ פון 13-טען יוני האָב איך געלייענט אייער בריעף צו מיר. געלייענט האָב איך איהם אַ סך שפּעטער, און ערשט איצט, אַז איך בין נאָך דריי חדשים צוריקגעקומען קיין מאַסקווע, קען איך אייך אויף איהם ענטפערן.

קודם־כל מוז איך אייך זאָגען. אַז מיך וואונדערט זעהר אויף אייך: ווי באַלד איהר האָט זיך אונטערגענומען שרייבען אַקעגען מיין רעצענזיע אויף ה׳ ווארשאווסקי׳ס ליעדער אין „וואָסחאָד“ נ׳ 18, פאַר וואָס האָט איהר זיך ניט מַטְרִיחַ געווען איבערלייענען דעם נ׳ 25 פונ׳ם „וואָסחאָד“, אין וועלכען איהר וואָלט געפינען הר׳ ווארשאווסקי׳ס ענטפער אויף מיין רעצענזיע און מיין ענטפער אויף זיין ערווידערונג. נאָר עס ווייזט אויס, אַז דאָס האָט אייך ניט געטויגט, פאַר אייך לוינט בעסער מאַכען זיך ניט ווי־סענדיג פונ׳ם נ׳ 25 וואָסחאָד, און נאָך בפרט אַז איהר האָט איבערגעטראָגען די פּאָלעמיק אין אַזא צייטונג, וואָס איהרע לעזער ווייסען ניט דעם אָנהויב פונ׳ם גאַנצען וכוח און דעריבער מוזען זיי אייך גלויבען אויפ׳ן וואָרט און אָננעהמען פאַר ריכטיג און וויכטיג אַלע טַענות, וועלכע איך האָב שוין לאַנג צושלאָגען אויף ברעקליך, אָבגעפּרעגט און אָבגעענטפערט אין „וואָסחאָד“, — לָכֵן זאָלט איהר מיר קיין פאַריבעל ניט האָבען, אַז איך וועל מוזען איבערחזר׳ן איינינע ווערטער, וואָס איך האָב שוין פריהער געזאָגט אין נ׳ 25 פון „וואָסחאָד.“

איך ענטפער אייך כסדר נאָך די פונקטען:

1) איהר זאָגט אַז אין דער יודישער שפּראַך רופט מען „פאָלקס־ליעדער“ ניט נור די ליעדער, וועלכע דאָס פאָלק זינגט, נאָר אפילו די, וואָס זענען נור געשריבען „פאַר“ דאָס פאָלק, אין דעם יודישען זשאַרגאָן, און דערום האָט ה׳ ווארשאווסקי רעכט געהאַט, וואָס ער האָט אָנגערופען זיינע ליעדער פאָלקס־ליעדער: (אין מיין רעצענזיע האָב איך בעוויזען אַז ער האָט אויף דעם קיין רעכט ניט). אויב עס איז אפילו יאָ דאָ אַזעלכע וואָס האָבען אַזא מיינונג, מוז איך זיי פונ׳ם הארצען בעדויערען, ווארום זיי מישען צונויף קאַשע מיט באָרשט, צוויי גאַנץ פערשידענע זאַכען. זיי מישען צונויף ליעדער, וועלכע דאָס פאָלק האָט אָנערקענט פאַר זיינע, מיט ליעדער, וועלכע עס האָט עמיצער אָנגעשריבען און האָט שטאַרק חֵשֶׁק אַז זיי זאָלען ווערען פאָלקס־ליעדער, חאָטש דאָס פאָלק וויל אפשר גאָר ניט קענען און ניט הערען, ליעדער וואָס עטליכע מיידליך אָדער יונגע לייט זינגען אין וואָסילקאָוו אָדער אין פאַסטאָוו.

נאָר ניט אַלע האָבען אַזא מיינונג פון „פאָלקס־ליעדער“. איהר אַליין אין אייער בריעף בענוצט די גאַנצע צייט דאָס וואָרט „פאָלקס־ליעדער“ נור אין איין — איין נעמליך אומרי־כטיגען — זין, ווי איך וועל ערקלערען אין פונקט 3. — אַחוץ דעם, האָט דאָך ה׳ ווארשאווסקי זיינע ליעדער אַרויסגעגעבען מיט אַ פולען רוסישען טיטעל «народныя пѣсни», נו, אין רוסיש האָט שוין דער ה׳ ווארשאווסקי קיין רעכט ניט געהאַט אָנצורופען זיינע ליעדער „נאַראָדנע“ — די איינציגע מעלה פון אייער פעלעטאָן איז נור די, וואָס צו ליעב איהם וועל איך פאָרט מוזען קלאָר מאַכען די לעזער פונ׳ם „יוד“ אין דער פראַגע, און פון דעם שטאַנדפונקט בין איך מסכים אַז ער פערדינט אַכטונג און אויפמערקזאַמקייט. ליידער איז דאָס אָבער זיין איינציגער פערדינסט, דאָס איבריגע אין אייער בריעף צו מיר איז נור אָדער איין איבערקעהרעניש און אַ איבערדרעהעניש פון מיינע ווערטער, דאָס הייסט איהר שרייבט מיר צו אַזעלכע ווערטער, וואָס איך האָב קיין מאָל ניט געזאָגט, אָדער איהר מאַכט פּראָסטע ליצנות, וואָס פּאַסען גאָר ניט אין אַזא ערנסטער פראַגע ווי „וואָס איז דער תוך פון יודישע פאָלקס־ליעדער“. — דאָס וועל איך אייך טאַקי באַלד בעווייזען.

2) ה׳ ווארשאווסקי און איהר מאַכט מיר דעם פאָרוואורף, אַז איך האָב מיט דעם טיטעל פון מיין אַרטיקעל אין וואָסחאָד אָבגענאַרט דעם עולם; איהר שרייבט מיר: .איהר האָלט ניט קיין וואָרט! תחלת הויבט איהר אָן אייער רעצענזיע מיט אַ הקדמה אַז איהר וועט רעדען נור פון דער מוזיק; פון די ליעדער *) זאָגט איהר לאָזען רעדען ספּעציאַליסטען, אין תוך־כדי־דבור הויבט איהר אָן צו רעדען דוקא פון די ליעדער“.

איהר ברייגנט אָבער ניט, ניט קיין איינציגען אויסדרוק מיינעם, מיט וועלכען איהר זאָלט קענען בעווייזען מיין חטא — איהר ברייגנט ניט קיין בעוויז, ווייל פשוט איהר האָט עס ניט געקענט ברייגנען, ווייל וויפיעל איהר זאָלט ניט זוכען, וועט איהר עס ניט געפינען. אין מיין גאַנצער רעצענזיע רעד איך נור פון דער מוזיק פון ה׳ ווארשאווסקי׳ס ליעדער, און ניט איין וואָרט פון זייער טעקסט. אמת איך געברויך דאָס וואָרט „פעסניא“, נאָר דאָס איז ווייל מיין רעצענזיע איז געשריבען רוסיש, און אין דער רוסישער שפּראַך האָט דאָס וואָרט „פעסניא“ די אייגענע בעדייטונג, אי פאַר די ווערטער, וועלכע עס ווערען געזונגען, אי פאַר די מעלאָדיע, מיט וועלכער מע זינגט די ווערטער — אַז איך בענוץ דאָס וואָרט „פעסניא“ נור אין דער צווייטער בעדייטונג, זעהט מען קלאָר פון מיין הקדמה צו דער רעצענזיע. אפילו אין זשאַרגאָן פערשטעהט מען, דאַכט זיך, אויך אונטער׳ן וואָרט, „ליעד“ אי די מעלאָדיע, אי דעם טעקסט. אַלזאָ האָב איך די לעזער אין אירטהום ניט איינגעפיהרט.

---

*) איך האָב גאָר ניט געזאָגט. „פון די ליעדער“ איך האָב גאָר געזאָגט פון דעם ליטעראַרישען זין פון די ליעדער (דאָס הייסט פונ׳ם טעקסט.) און דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי דער לעזער וועט זעהען ווייטער.

3) איהר שרייבט מיר צו אז איך האב דורכאויס געזאגט, אז "פאלקס־ליעדער זענען ליעדער אלטע צוזאַמענגעזאַמעלטע פון׳ם פאלק" — ווידער א פערדרעהעניש און א איבערקעהרעניש פון מיינע ווערטער. אט וואס איך האב געזאגט. הערט זיך נאר גוט צו: "וואס הייסט פאלקס־ליעדער? געווים אזעלכע ליעדער וועלכע דאס פאלק זינגט זיי, אזעלכע ליעדער וואס זע־נען איבערגעגאנגען צום פאלק פון אומבעקאנטע מחברים פון גאנץ אלטע, לאנג פערגעסענע צייטען, אדער זיי זענען געשריבען שאקי איצט במעט פאר אונזערע אויגען, נאר זיי האבען זיך ווייט פערברייטעט צווי־שען דעם פאלק צוליעב זייער פאלקס־כאראקטער (ניסח). **)

אם־כן איז גאנץ אומזיסט אייער טרחה, וואס איהר האט זיך אזוי געמיהט צו בעווייזען, אז אפילו די ליעדער, וואס זענען נישט לאנג גע־מאכט געווארען, קענען אויך ווערען פאלקס־ליעדער. איהר שפארט זיך און שטופט זיך אין א גאנץ אפענע טיהר, וואס איך אליין האב געלאזט אפען: עס געהט כלל נישט אין דעם, צי פרישע ליעדער קענען ווערען פאלקס־ליעדער, מע שמיעסט נור פון דעם, צי די ליעדער פון ה׳ ווארשאווסקי פערדינען די עהרע אנגערופען צו ווערען פאלקס־ליעדער. — איהר דערצעהלט אז אין יאהר 1892 האט איהר געמאכט א ליעד "שלאף מיין קינד" און בעשטעטיגט, אז ז איז איצט געווארען א פאלקס־ליעד — נו, בכן? אויב דאס איז אפילו אזוי, וואס זשע בעווייזט דאס? דאס בע־ווייזט נור, אז 8 יאהר צוריק האט איהר אנגעשריבען א ליעד, וואס מע קען עס איצט אנרופען "פאלקס־ליעד", אבער דער ה׳ ווארשאווסקי האט דאך אקוראט פערקעהרט געטהון: ער האט פריהער א נאמען געגעבען זיינע ליעדער "פאלקס־ליעדער" און ערשט דערנאך האט ער זיי ארוים־געלאזט אויף דער וועלט; און אט א דאס האב איך אנגערופען "סאמא־זוואנעטווא".

4) איהר לאכט אוים די אופנים און אלע וויסענשאפטליכע נעמען, מיט וועלכע איך האב זיך בעמיהט צו בעווייזען, אז אין ה׳ ווארשאווסקי׳ס ליעדער איז פארהאן זעהר ווייניג יודישע, און איבערהויפט גוטע, מוזיק. נאר זייט זשע מוחל! וואס פאר א ממש וועט האבען די גאנצע קריטיק, אז די וועט נור זיין געגרינדעט אויף דעם פערזענליכען געפיהל "עס גע־פעלט" אדער "עס געפעלט מיר נישט" "אך עס איז געשמאק" "עס איז א מחיה" וכדומה? איהר למשל, קוועלט נאר אן פון ה׳ ווארשאווסקי׳ס ליע־דער, און איך "אקוראט פערקעהרט". נאר וואס פאר ממש האבען די אלע פוסטע אויסגעשרייען און בפרט אין אזא נייער און שווערער פראגע ווי "די יודישע פאלקס־מוזיק", — א פראגע, פאר וועלכע מע האט נאך ביז היינט נים אויסגעארבעט אפילו די ערשטע יסודות. דא מוז מען צוגעהן מיט א גאנץ אנדערען וועג. דא וועט איהר מיט "אך" און "אך", מיט ליצנות און אוינגעלאנצען נים אבקומען, דא מוז מען ערנסט שטודירען די יסודות, אויף וועלכע עס איז אויפגעבויט די יודישע (ווי אויך איטליכע אנדערע) מוזיק: לאד, ריטמען, דער הארמאנישער גאנג, דאס ריכטיגע בעשטימען פון די כאראקטעריסטישע צייכען פאר יעדען יסוד בעזונדער און פאר אלע אין איינעם, מיט איין ווארט, ווי ווייט מעגליך בעשטימען בפרטיות די אביע־קטיווע צייכען פון דער יודישע פאלקס־מוזיק, — נור אויף אט אזא אופן קען מען זיך שטעלען אויף א פעסטען גרונט ביי אונזער פראגע, און אז איך האב זיך יא געפרואוט שטעלען אויף אזא פעסטען גרונט און האב יא געפרואוט בעשטימען די יסודות פרטיות פון דער יודישער מוזיק, פון די יודישע פאלקס־ליעדער, כדי איך זאל העלפען, ווי ווייט מיינע כוחות און וויסען טראגען, לעזען די פראגע, וואס זשע טהוט איהר? אנשטאט צו בע־ווייזען מיר, אז איך האב אפשר א טעות, האט איהר קיין בעסערם נים גע־פונען ווי זיך לוסטיג צו מאכען אט מיט אזעלכע קלוגע ווערטער: "או אז איהר וועט מיר זאגען אכצעהן מאל עאליסקי (לאד) דאריסקי, אייק־סאלידייסקי וכדומה אזעלכע הויכע מוזיקאלישע ווערטער פון מלאכים שפראך, — וואס ווייסען מיר פראסטע מענשליך? ביי אזעלכע ווערטער עפענען מיר אויף מויל און אויערען און טראכטען בשעת מעשה: אט א מזיק!"

געהערטער הערר שלום־עליכם! אין אייערע הומאריסטישע שריפ־טען לאכט איהר אוים דעם בית המדרש־יודען און די מארק־יודענע, וואס זענען אזעלכע נארען, אז זיי מיינען ביי זיך אז זיי זענען זעהר קלוג און מאכען שפאס פון די אינטעליגענטע, ציוויליזירטע, געבילדעטע און פער־דרעהען די ווערטער און זאגען: צובעליזירט, לעגענט, געבולבעט...

איצט פרעג איך אייך, וואס פאר א רעכט האט איהר אויסצולאכען דעם פראסטען אומוויסענדען בית־המדרש־יודען, אז איהר אליין במחילה טהוט אויך אזוי. איהר ווייסט נים, איהר פערשטעהט נים די וויסענשאפט־ליכע נעמען פון מוזיק און קרימט זיך זיי נאך און לאכט זיי אוים! איך פערשטעה נים, ווי אזוי נעמט איהר זיך אונטער רעדען, און בפרט דרוי־קען פון דעם וואס איהר פערשטעהט גאר נים? און וואס קען איך ענט־פערען אקעגען אזא מין "קריטיקע"? אפילו אייער מנחם מענדיל אין זיינע בריעף צו שיינע שיינדלין געברויכט אויך די ווערטער אקציע, דעוועדענט א. ז. וו. דען ווי קען דען אנדערש זיין? ווי קען מען רעדען פון בערזע און נים געברויכען די ווערטער וועלכע מע דארף דארט. און איהר ווילט אז איך זאל רעדען פון מוזיק, פון יודישע ליעדער, אהן ווערטער פון מוזיק! איהר ווייסט, ר׳ שלום עליכם, שיינע שיינדיל איז א סך קלוגער פון אייך, אז ז׳ פערשטעהט נים וואס הייסט "סאדערושאנקע" אדער "דעוועדענט", פרעגט ז׳, בעט, מע זאל איהר ערקלעהרען, און איהר, אז איהר פערשטעהט נים, וואס מע רעדט, חכמה׳ט איהר זיך, מאכט ליצנות און זענט זעהר צופרידען פון זיך, און מיינט אז די לעזער פונים "יוד" וועלען נאר ענט־ציקט ווערען און אויסשרייען? אט א מזיק!

5) לעבערליכער פון אלסדינג איז דאס, וואס איהר, וועלכער האט אזוי פיינט די וויסענשאפטליכע נעמען (דארט וואו זיי זענען נייטהיג) ברויכט זיי אליין, און זעלבסטפערשטענדליך נים ריכטיג, פעלערהאפט און אונ־פאסענד. אט למשל איהר זאגט, אז איך זידעל דעם ה׳ ווארשאווסקי פאר דעם "טאנצען־טעמפ" פון זיינע ליעדער — ניין! נים פאר דעם טעמפ, נאר פאר דעם "ריטם". איהר דארפט וויסען, ה׳ שלום עליכם, אז טעמפ און ריטם זענען צוויי גאנץ פערשידענע זאכען, און אויסמישען זיי צוזאמען קען נור דער, וואס איז גאנץ אומבעקאנט מיט מוזיק — (דאס איז אפילו נאך נים אזא גרויסעס אומגליק) — און וויל אבער פארט ווי א בר סמכא רעדען איבער מוזיק — דאס איז שוין ביטער! ווייטער ווילט איהר מיר בעווייזען, אז ווארשאווסקי האט געהאט פאלקאמען רעכט, וואס ער האט בעצייכענט ליעד נו. 3 מארענדא (אבשטאר־בענד אלץ שטילער און שטילער) און באלד אין דעם 9־טען בעצייכענט ער פארטימא (זעהר שטארק), דאס וואס איך האב געבראכט ווי איינעם פון די זעהר פיעל טעמים ווי אונוויסענד ה׳ ווארשאווסקי איז אין מוזיק, און איהר זענט אזוי גוט און ערצעהלט מיר (א דאנק!) אז "אזעלכע זאכען" טרעפען זיך און געפינען זיך אין די סימפאניעס בעטהאווענס, מאצארט׳ס, מענדילסאהנ׳ס און שאיקאווסקים — נו, וואס זאל איך דערויף זאגען? איך קען נור זאגען, אט א מזיק! ווי דרייסט און שטארק ער רעדט עס פון אלסדינג! נאר ניין! איך מוז אייך זאגען אז איהר ווייסט נים אין מוזיק מה דקאמרי רעביצין, איהר מיינט אפנים אז סימפאניעס זענען אויך א מין יקנה"ז, אדער מאזעפעווקע, וואס איהר רעדט פון זיי אזוי זיכער, אזוי דרייסט. — נו, לערנען אייך מוזיק האב איך נים קיין צייט און נים קיין חשק, נאר דאס מוז איך אייך זאגען, אז עס איז ניטא נים נור איין סימ־פאניע, נאר אפילו נים איין מוזיקאלישעם שטיק אויף דער גאנצער וועלט, וואס אויף דער ערשטער נאטע זאל שטעהן "מארענדא" אזוי ווי ביי ה׳ ווארשאווסקי׳ן. און דאס איז זעהר פערשטענדליך. אראבגעהן שטילער און שטילער קען מען אי נאך p (שטיל), אי נאך f (הויך), אי נאך ff (גאנץ הויך), דעריבער שטעלט מען, געוועהנליך, פון אנהויב דעם גראד דער קראפט פון די ערשטע נאטען, און ערשט דערנאך בעצייכענט מען "מארענדא" — נאר דאס איז איבריגענס נים אזוי וויכטיג: לאמיר רעכענען אז ה׳ ווארשאווסקי׳ן האט זיך פערגלוסט זיין אריגינאליש און אנהויבען אזוי ווי קיינער אין דער וועלט הויבט נים אן. ער האט אבער אנידערגעשטעלט

**) כדי מע זאל שוין מעהר קיין טעות נים האבען אין מיינע רייד, זאג איך אז נור אין דעם זין און נור אין דער בעדייטונג ברויך איך דעם אויסדרוק ליעד אי אין דעם בריעף וואס איך שרייב צו אייך.

אט דעם "מארענדא" אין אזא אָרט און מיט אזא שריפֿט, ווי מע שטעלט
נור אזעלכע ווערטער, וואָס האָבען אַ בעדייטונג פֿאַר די גאַנצע פּיעסע
ביז אין סוף, דאס הייסט ער פֿאָדערט אז די גאַנצע פּיעסע פֿון אָנהויב ביז
צום סוף זאָל געהן שטילער און שטילער און פּלוצים אויף דעם 9-טאַקט
הייסט ער ff (זעהר הויך)! נו איז דאס ניט העכסט אומוויסענד, וויפֿיעל
איהר זאָלט ניט שרייען אז "אזעלכע זאכען" געפֿינען זיך ביי די בעריהמטעס־
טע קאָמפּאָזיטאָרען, לסוף וואַרפֿט איהר אַלעס אַרויף אויף טעות הדפוס!
האָט איהר געזאָלט פֿון אָנהויב אָן אזוי זאָגען! וואָס ושע האָט איהר גע־
דאַרפֿט מחלל שם זיין די גרויסע מוזיקער בעטהאָווען און טשאיקאווסקי,
און מאַכען זיי פֿאַר עם הארצים? עס איז נור די צרה וואָס "אזעלכע"
דרוקפֿעהלער זענען דאָ זעהר פֿיעל ביי ה' וואַרשאַווסקי.

6) איהר שרייבט מיר צו די ווערטער: אז מע לייענט וואַרשאַווס־
קים ליעדער, קען מען מיינען "אז דאס יודישע פֿאָלק האַלט אין איין טאַנ־
צען". ניין, ניט אזוי האָב איך געזאָגט, אָט אזוי: אז מע הערט (נאָך אַ
בעווייז אז איך רעד נור פֿון מוזיק). דעם ה' וואַרשאַווסקי, קען מען מיינען
אז יודען זינגען נישט אַנדערעס ווי נור פּאָילקעס, מאַזאָרקעס און קאַד־
רילען. ביי זיינע יודישע ליעדער פֿיהלט איהר זיך שטענדיג נור ווי אויף אַ
באַל אָדער אין איין אָפּערעטקע". און ווייטער זאָג איך דאָרט: "פֿיעל פֿון
די יודישע פֿאָלקס-מעלאָדיען זענען ניט פֿרעמד פֿון טענץ-ריטמען, זייע־
רע ריטמען אָבער זענען גאַנץ ווייט פֿון אונזערע פּאָילקעס, וואַלסען א. ד. ג.
און אַריינזעצען זיי אין די ריימליך קען מען נור מיט הילף פֿון אַ גראָבער
ווילדער קראַפֿט, אָט אזוי ווי למשל מע זאָל פֿאָרשטעלען אַ שענעם, אַ
אַלטען יודען, אַ חסיד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט ווייסע זאָקען, ער זאָל
טאַנצען אַ וויענער וואַלס אָדער פּאַ-דעספּאַני, אָט אזא מין גוואַלדהייט געברויכט
ה' וואַרשאַווסקי." — נו, הייסט עס דען אז איך לייקען אב "טענץ" אין דער
יודישער מוזיק, אזוי ווי איהר ווילט איינשמועסען די לעזער? ליעדער זענען
געבוירען געוואָרען פֿון טענץ און אַלע פֿאָלקס-ליעדער זענען זעהר רייך
מיט טענץ-ריטמען, הייסט עס דען אָבער, אז די ריטמען זענען אַלע גלייך
אי ביים רוסען, ביים יודען, ביים איטאַליענער און ביים נעגער? די יודישע
ליעדער פֿון ה' וואַרשאַווסקי זענען שלעכט ניט דערפֿאַר, וואָס זיי זענען
פֿול מיט טענץ-ריטמען, נאָר דערפֿאַר וואָס די ריטמען זענען ניט קיין
יודישע און אַפֿילו דאָרט וואו די ריטמען זעהען יאָ אויס ווי יודישע, זענען זיי
שטאַרק פֿערדאָרבען מיט דעם אַקאָמפּאַנעמענט á la פּאָילקאַ, וואַלס א.
ד. ג. — וועט איהר מיך דאָך פֿרעגען: וואָס זענען דאָס עפּיס פֿאַר בע־
זונדערע יודישע ריטמען? נאָר אום אייך צו ענטפֿערען (איך האָב עס
ערקלעהרט אים נו. 25 וואָסחאָד) מוז איך ווידער נעברויכען די ווערטער:
אקצענט, סינקאָפּאַ א. ד. ג. און איהר אנשטאָט צו הערען אום צו פֿער־
שטעהן דאס ווענען וואָס איהר פֿאַלעמיזירט, וועט איהר ווידער אָנהויבען
צו חכמה'ן זיך: "אז איהר וועט מיר זאָגען אַכצעהן מאָל"...—

איהר און ה' וואַרשאַווסקי רעכענט אז די ריטמיקאַ פֿון די באַל-
טענץ פּאַסען אזוי ווי געבאָרען פֿאַר יודישע פֿאָלקס-ליעדער און צום בע־
וויז ברייננט איהר טאַקע איינינע ליעדער (אויך פֿון דעם זאַמעלבוך פֿון די
הערען גינזבורג און מאַרעק) נאָר וואָס קענען בעווייזען די אַלע אוסנאַה־
מען? ווערט דען אַ טיפּ בעשאַפֿען פֿון אזעלכע אויסנעהמליכע, פֿרעמדע
צופֿעלינע שטריכען, און ניט פֿון כאַראַקטערישע, שטענדינע און איינענע?
אָט אין דעם זאַמעלבוך פֿון ה' גינזבורג און מאַרעק לעזען מיר למשל,
אזא מין געדיכט: סקונשנא, דאָסאָרנאָ, יאַ פּאָ אוליציע ניע אידו, אָן פּאָדליעץ
ניע זנאַיעט שטאָ יאַ יעוואָ לובליו! (No' 216) די צוזאַמענשטעלער האָבען
אין זייער זאַמעלבוך נעמוזט אַריינגעהמען אי אזעלכע זאכען, ווייל זייער
צוועק איז אַ וויסענשאַפֿטליכער, אז פֿון די ליעדער זאָל מען לערנען און
פֿערשטעהען ווי אזוי דאָס יודישע פֿאָלק לעבט, וואָס אינטערעסירט איהם
און אין וועלכע פֿאָרמען דער יוד גיסט אויס זיין ביטער האַרץ. פֿרעג איך
אייך, וועט דען ה' וואַרשאַווסקי, וואָס זיין צוועק איז געוויס נאָר די פּאָעזיע
און ניט די וויסענשאַפֿט, וועט ער זיך ענטשליסען אזעלכע "יודישע" גע־
דיכטע מאַכען צו זיין פּאָעטישען אידעאַל און וועט ויי נאַכמאַכען? און איהר,
זיין ליטעראַרישער קוואַטער וועט צו אזעלכע געדיכטע שרייבען הקדמות
מיט הסכמות? געוויס ניט. אָבער דוקאַ אין אזא טעות פֿאַלט אַריין ה'
וואַרשאַווסקי מיט זיין מוזיק פֿאַר זיינע ליעדער, און איז אזוי בלינד, אז ער
בעמערקט ניט, ווי ער אַליין טרעט אין בלאָטע די היילינע זאַך, פֿאַר
וועלכע ער קעמפֿט — געבען דעם פֿאָלק אזא מעלאָדיע, וועלכע זאָל
בעהאַלטען דעם יודישען קאָלאָריט".

עס וואָלט נאָך אזוי ניט וועה געטהון אז עס וואָלט טאַקי נישט געווע־
זען קיין איינענע יודישע פֿאָלקס-מוזיק, אזוי ווי עס איז ניטאָ למשל
קיין איינענע, יודישע מאַלעריי — נו. דעמאָלט וואָלט מען שוין געמוזט
לייהען מעלאָדיען ביי די פֿאָלקעס און קאַדרילען. אָבער אַ יודישע מוזיק
איז דאָך יאָ דאָ, אַ גאַנץ בעזונדערע, פֿול מיט אָריגינאַלע שאָנהייטען, און
איהר, איהר, אנשטאָט צו ערלערנען אָט די שאָנהייטען, אנשטאָט זיי צו
היטען, צו שעטצען אנשטאָט זיי צו ריינינען און אויסאַרבייטען פֿאַר זיי
דעם וועג זיי זאָלען זיך מעהר און ווייטער פֿערבעסערען און פֿערברייטען,
אנשטאָט דעם אַלעם פֿערנעמט איהר זיך נאָר מיט חוזק מאַכען און אויס־
לאַכען די, וועלכע בעמיהען זיך יאָ נאָך זייער פֿערשטאַנד און נאָך זייער
כח צו ברייננען נוטצען דער יודישער מוזיק.

איהר קוועלט און זענט מקבל פּנים בשמחה דעם באַל און די
אָפּערעטקע, וואָס האָבען זיך אַריינגעגנב'עט אין דעם יודישען פֿאָלקסליעד
און מיט דעם גאַנצען געוויכט פֿון אייער ליטעראַרישען נאָמען שטופּט איהר
און טרייבט דאָס יודישע ליעד אויף דעם וועג פֿון אויסאַרטונג. אז אַפֿילו
דאס ביסעלע נאַציאָנאַלע, וואָס מיר האָבען גע'ירש'ט פֿון אבות אבותינו און
האָבען עס גאַנץ און אומפֿערדאָרבען דערטראָגען ביז היינטיגען טאָג, זאָל אויך
געהן צו גרונד! איהר דאַרפֿט וויסען אז דאָס גייסטיגע לעבען פֿון אַ פֿאָלק
ווערט צוזאַמענגעלעגט און צוזאַמענגעשטעלט פֿון אַלע ערשיינונגען, אין
וועלכע זיין גייסט בעווייזט זיך, אין וועלכע זיין גייסט ערשיינט. און קוים
זענט איהר מסכים אז די יודישע מוזיק זאָל זיך אָבזאָגען פֿון איהר נאַציאָ־
נאַלען גייסט און נאָכמאַכען אייראָפּעאישע פֿאָלקים מיט וואַלסען, לייהען ביי
אַנדערע און נאָכטהון פֿרעמדע, זענט איהר שוין גאָר ניט ווייט פֿון טרעטען
מיט די פֿיס די גאַנצע יודישע פֿאָלקס-פֿיזיאָנאָמיע. ווי באַלד אזוי, זאָגט מיר
איך בעט אייך, פֿאַר וואָס זאָלט איהר ניט זיין פֿאַר די איינענע געדאַנקען
אין דער יודישער ליטעראַטור און איבערהויפּט אין אַלע ווייטען פּונ'ם
יודישען לעבען? היינט, קען עס זיין, אז איהר, אַ יודישער ליטעראַטאָר
זאָלט ניט פֿערשטעהן, אז אויף דעם אופֿן האַקט איהר אַליין אונטער דעם
צווייג, אויף וועלכען איהר אַליין זיצט? און איך, אַ מוזיק קריטיקער פֿון
אַ רוסישער צייטונג דאַרף אייך דאס אַלסדינג ערקלעהרען און געבען צו
פֿערשטעהן אייך, אייך אַ יודישען "פֿאָלקס" שרייבער!

זעהר ניט שען פֿאַר אייך, נעעהרטער הערר שלום עליכם!

יולי ענגעל.

איבער דער גרויסער וועלט.

בילינע דירות. איינס פֿון די וויכטיגסטע מיטלען גע־
זונדער צו מאַכען די אָרימע קלאַסען — זענען גוטע דירות. צו דעם
צוועק זענען אין די לעצטע יאָהרען געגרינדעט געוואָרען פֿיעל חברות,
וואָס האָבען זיך געשטעלט צום צוועק צו בויען בילינע און געזונדע
וואָהנונגען פֿאַר די אָרימע. צוליעב דעמזעלבען צוועק האָט אויך יק"א
אויפֿגעבויט בילינע וואָהנונגען פֿאַר אָרימע יודען אין ווילנא. ליידער
אָבער איז יק"א אין איהר אַרבייט שטעהן געבליבען און אין אַנדערע
שטעדט ווערען נאָך דערווייל דירות פֿאַר יודען ניט געבויט. אַנדערש
אָבער איז עס נאַטירליך ביי די אומות העולם. דערהויפּט איז זעהר
פֿיעל געזאָרגט געוואָרען פֿאַר גוטע וואָהנונגען פֿאַר די אָרימע קלאַ־
סען אין ענגלאַנד, בעלגיען און דענעמאַרק. אין דער לעצטער צייט
האָט אויך די דייטשע רעגירונג פֿיעל געטהון אין דעם פּונקט. אין
די לעצטע 5 יאָהר (פֿון 1895 ביז 1900) האָט די פּרייסישע רע־
גירונג אויסגעגעבען 20 מיליאָן מאַרק אויף בויען וואָהנונגען פֿאַר